

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## משפטים

# נאכגיין די רוב

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת משפטים

# נאכגיין דער רוב

"אינגלעך," האט רבי ווייס אויסגערופן," מארגן אי"ה וועל איך פעלן פון חדר און רבי בידערמאן וועט זיין דער סובסיטוט. אבער געדענקט קינדער, דאס זאל נישט זיין קיין צוריקהאלט פון לערנען פלייסיג!"

"האטס הנאה פון ענקער מיטאג," האט דער רבי געגריסט די קינדער גרייטנ'דיג זיך ארויסצוגיין פון כתה ווען דער גלאק האט געקלינגען.

"חברה, האט עטס געהערט?" האט איציק פרייליך אויסגערופן, "רבי בידערמאן גייט קומען, ענק ווייסן ווער ער איז?"

"ווער? ר' אלימלך בידערמאן? דער באקאנטער בעל דרשן?" האט אהרן געפרעגט.

"ניין, נישט אים מיינט מען," האט איציק געוויזן זיין קענטעניס, "ס'איז ר' יהודה בידערמאן - עטס קענטס אים? ער זיצט שבת ביי די לינקע זייט פון שול."

"ער איז ניטאמאל חתונה געהאט. נאר לעצטע וואך איז ער א חתן געווארן!" האט דוד מיטגעטיילט מיט גאנץ קהל.

"פונקט אזוי," האט איציק באשטעטיגט, "ער איז נאך קיינמאל נישט געווען קיין מלמד. ענק ווייסן וואס דאס באדייט...?"

אלע קינדער האבן זיך געקאטשעט פאר געלעכטער הערנדיג די נייעס פון דעם נייעם ממלא מקום.

"אקעי," האט איציק ווייטער גענומען דאס ווארט, "יעדער זאל מאכן עראפלאנען פון פאפיר. און אסאך עראפלאנען. לאמיר האפן אז רבי בידערמאן האט ערפארונג אין קאנטראלירן עראפלאן טראפיק אין א לופט-פעלד..."

די אינגלעך האבן געלאכט און אהרן האט מיטגעלאכט אבער נאר אויסערליך. אינעווייניג איז ער בכלל נישט געווען רואיג מיט דער גאנצער עסק. 'איז דאס טאקע אזא גוטע עצה?' איז ער געווען מסופק. אבער פון דער אנדערע זייט איז ער נישט געווען גענוג שטארק צו גיין קעגן זיינע חברים.

די אינגלעך האבן שנעל אפגעגעסן זייער מיטאג און זיך צוריקגעאיילט אין כתה צו אנהייבן מיט די עבודה פון מאכן עראפלאנען.

"נו אהרן," איז איציק צוגעקומען צו אהרנ'ס טיש, "פארוואס קנייטשסטו נישט פאפירן?"

"איך האב עהה... יעצט געוואלט אנהייבן," האט אהרן ארויסגעשטאמלט בשעת ער ציט ארויס עטליכע פאפירן פון אונטערן טיש און הייבט אן קנייטשן.

פלוצלינג האט זיך דער טיר געעפנט און רבי ווייס האט זיך באוויזן מיט'ן רוקן אויסגעדרייט, שלעפנ'דיג א גרויסע פישקע אין זיינע הענט.

"פססס! דער רבי איז דא! לייגטס אלעס אוועק!" האט איציק געשושקעט. אלע אינגלעך האבן שנעל פארשטעקט זייערע עראפלאנען וואו עס האט זיך געלאזט. נאר אהרן האט זיך נישט באכלעפטשעט גענוג געשיקט צו פארשטעקן זיינע עראפלאנען.

"א גוטן טאג קינדער, וואס טוען ענק אין כתה אזוי שנעל נאך הפסקה?" האט רבי ווייס געפרעגט די קינדער שמייכלדיג.

"אַהה, אהרן, וואס איז דאס?" האט ער זיך געוואונדערט אויף די פאפירן אין אהרנ'ס ציטערדיגע הענט. זיין פריערדיגע שמייכל איז געווארן שוואכער.

אהרנ'ס פנים איז געווארן רויט נישט ווייסנדיג וואו זיך אהינצוטון.

"דו מוזט מיר נישט ענטפערן," איז רבי ווייס געווארן ערנסט צאמנעמענדיג די עראפלאנען פון אהרנ'ס טיש, "דאס אלעס האט עטס אנגעגרייט ווייל ענק גייען האבן א ממלא מקום מארגן? נאָ נאָ!"

אהרן האט זיך איינגעקאטשעט אין זיין זיץ, שווייגנדיג.



רבי ווייס איז ארומגעגאנגען איבער די קינדער'ס טישן און קאנפיסקירט אלע עראפלאנען וועלכע האבן זיך ארויסגעשטעקט פון די טאשן, זעקלעך, אדער טישן.

"אינגלעך, איך דארף ענק נישט זאגן וואספארא נארישע עצה דאס איז געווען צו פארשעמען א נייער ממלא מקום. ענק זענען מן הסתם נאר געווארן אנגערייצט זיך צו פרייליך מאכן אבער איך בין זיכער אז ענק האבן בכלל נישט געקלערט דאס צו ניצן מארגן אינמיטן חדר."

די קינדער האבן זיך איבערגעבליקט פארשעמט. הערשט יעצט האבן זיי געכאפט וואספארא רוח שטות

עס האט זיי אנגעכאפט. מיט פארלייכטערונג האבן זיי אפגעאטעמט אז רבי ווייס פלאנט זיי נישט צו באשטראפן.

איציק האט זיך געריקט אין זיין בענקל אומבאקוועם. ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז ער האט אנגעדרייט די גאנצע אקציע.

"רבי," האט איציק אויפגעהויבן זיין האנט, "איך פיל זיך שולדיג אין די גאנצע מעשה," האט ער גענומען קאראזש זיך צו פארענטפערן, "דאס איז געווען מיין עצה און אהרן מיט נאך אנדערע אינגלעך זענען בכלל נישט געווען אינטערעסירט אין דעם. זיי האבן נאר מיטגעשפילט מיט יעדן איינעם."

איבעראשט האט אהרן ארויפגעקוקט און צוגעשטימט שאקלנדיג מיט'ן קאפ.

אָה הַא! האט רבי ווייס אויסגערופן מיט שעצונג. דו האסט געטון א געוואלדיגע זאך. יעצט וויל איך ענק עפעס זאגן איבער דעם היינטיגן אינצידענט, וואס מיר לערנען ארויס אין די וואכעדיגע סדרה.

עס מאכט זיך צומאל אז דו זעסט ווי מענטשן טוען געוויסע זאכן און דו שפירסט אז דו דארפסט עס טון ווייל אנדערע טוען עס אויך. נאך אלעם זאגט די תורה די וואך **אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת**- זאלסט נאכגיין נאך רוב. כאפ אבער א בליק אין זעלבן פסוק **לֹא תִהְיֶה אַחֲרֵי רַבִּים לְרָעֹת** - זאלסט נישט טון וואס רוב טוען ווען זיי טוען עפעס וואס איז נישט ריכטיג!

הרה"ג רבי אביגדור מיללער ז"ל איז מסביר און לערנט אונז אז ווען די תורה הייסט אונז נאכגיין נאך דער מערהייט - אחרי רבים, מיינט דאס אז מען זאל נאכגיין נאך די מערהייט פון די תורה ריזן! אבער חס ושלום נאכצוגיין אנדערע וואס טוען זאכן וועלכע זענען נישט אויסגעהאלטן.

איך ווייס אז ס'איז נישט גרינג פאר אינגע קינדער צו זיין אנדערש פון אנדערע. און ס'איז גארנישט שלעכט צו טון וואס די חברים טוען צב"ש אנטיילנעמען אין א שפיל אדער גיין אויף א שפאציר אין פארק ווען יעדער גייט אבער עס איז זייער וויכטיג שטענדיג צו געדענקען אז ווען די חברים טוען עפעס וואס איז נישט ריכטיג זאל מען דאס נישט נאכטון נישט קיין חילוק וויפיל קינדער טוען דאס.

יעצט, מוז איך ענק זאגן אז די עראפלאנען זענען אויס זייער פאכמאניש געמאכט. איך וויל נישט ענק זאלן שאדן האבן. גייטס ארויס אין הויף ביז נאך הפסקה און קוקטס וועמענ'ס עראפלאנען פליען די ווייטסטע! און האטס הנאה!"

הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3



כל הזכיות שמורות